ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# נפלאות
## בעל שם טוב

**70**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשל"ז לפ"ק

ספר

# נפלאות

# בעל שם טוב

דא ווערט ערצעהלט זעהר שעהנע און וואונדערליכע געשיכטעס פון דעם גרויסען הייליגען צדיק רבי ר' ישראל בעל שם טוב זצ"ל און פון זיינע הייליגע תלמידים זייער זכות זאל אונז ביי שטיין.

אויך האבען מיר מוסיף געוועזן

פיעל וואונדערליכע בעשרייבונג פון גרויסע גוטע יודען וואס איז געווארען איבערזעצט פון תהייערע הייליגע ספרים.

פערלאג און אייגענטהום פון בנימין ליפעסקינד ספרים האנדעל אין פיעטרקוב

# פיעטרקוב

שנת תרע"א לפ"ק

# אַ מעשה נורא פֿון בעש"ט'ס מופתים.

איינער פֿון בעש"ט'ס מקורבים האָט נישט געהאַט קיין קינדער און יעדעס יאָהר איז ער געפֿאָהרען צום בעש"ט הקדוש ז"ל מן הסתם האָט ער דערקוטשעט דעם רבי'ן ער זאָל פֿאַר איהם מתפלל זיין ער זאָל האָבען קינדער. איינמאָל מחמת וואָס ער האָט שטאַרק אָנגעהאַלטען אָהן בעש"ט ז"ל האָט איהם דער בעש"ט צוגעזאָגט דאָס אין דעם יאָהר וועט מיט גאָט'ס היליף געבוירען ווערען אַ קינד.

דעם בעש"ט'ס הבטחה איז מקוים געוואָרען אין דעם איינעם יאָהר האָט ער געהאַט איין יונגעל. תיכף האָט ער די בשורה מודיע געווען דעם רבי'ן און האָט איהם געבעטען ער זאָל קומען צו איהם אויפ'ן ברית. דער בעש"ט איז צו איהם געקומען און איז געווען אַ סנדק דער בעל-שמחה האָט זיך געוועהנטליך זעהר געפֿרייט, און דער בעש"ט האָט איהם צוגעזאָגט אַז ביי זיין זוהנ'ס חתונה וועט ער איהם אויך מסדר קידושין זיין פֿון די דאָזיגע הבטחה האָט ער זיך דאָך אַ ודאי געפֿרעהט. דאָס קינד איז אויפֿגעוואַקסען, ביז עס איז שוין געקומען די צייט צו רעדען איהם אַ שידוך דעם קינד'ס פֿאָטער האָט געהאַט אַ געשעפֿט מיט נאָך אַ שותף פֿון אַ פֿרעמדע שטאָדט דער שותף האָט געוואוסט אַז ער האָט אַ זוהן אַזוי אַ גוט קינד און דער שותף האָט געהאַט אַ טאָכטער אַ יפת תואר, האָט איהם זעהר געפֿאָלען זיין שותפ'ס בחור איז ביי איהם פֿעסט געבליבען משדך צו זיין מיט זיין שותף דעם קינד'ס פֿאָטער, און פֿאַר גרוים ליבשאַפֿט וואָס איז געווען צווישען די צוויי שותפים האָבען זיי נישט געדאַרפֿט קיין שדכן נור זיי אַליין האָבען זיך וועגען דעם אַ דורך גערעדט דער צווייטער צד האָט דערויף בעשטאַנען און עס איז געשריבען געוואָרען תנאים.

די כלה'ס אַ זיידע איז געווען אַ גרויסער למדן מופלג, און האָט שטענדיג עוסק געווען אין לערנען ביי טאָג און ביינאַכט דער מחותן די כלה'ס פֿאָטער האָט געהייסען בפירוש איינשרייבען אין דער תנאים אַז זיין פֿאָטער וועט מסדר קידושין זיין אין זיין כונה איז דערביי געווען מחמת ער האָט געוואוסט. אַז זיין מחותן איז אַ מקורב צום בעש"ט און מן הסתם וועט ער וועלין מכבד זיין דעם בעש"ט מיט מסדר קידושין. און זיין פֿאָטער איז אַ גרויסער מתנגד דעריבער האָט ער געהייסען איינשרייבען אין דער תנאים, אַז ער איז מכבד זיין פֿאָטער מיט סידור קידושין כדי מקיים צו זיין די מצוה פֿון כיבוד אב.

דער מחותן דעם חתן'ס פֿאָטער האָט בשעת דעם לייענען די תנאים נאָרנישט בעמערקט דעם תנאי פֿון מחותן. ווען ער איז אַהיים געקומען מיט די תנאים

האָט ער אַלע זײַנע בעקאַנטע און גוטע פֿרײַנד דערצעהלט פֿון דעם פֿײַנעם שידוך וואָס ער האָט געטהון און אויך די מעלות פֿון מחותן'ס פֿאָטער זײַנע גוטע פֿרײַנד האָבען געלייענט די תנאים און בפירוש געלייענט דעם תנאי פֿון מחותן, דער כלה'ס פֿאָטער, אַז מסדר קידושין וועט זײַן דעם מחותן'ס פֿאָטער, ווי דער מחותן האָט דאָס דערהערט וואָס ער האָט פֿריהער גאָרנישט בעמערקט, האָט ער גאַנץ גוט פֿערשטאַנען צוליעב וואָס דער תנאי איז געוואָרען איינגעשריבען. און האָט דערפֿון געהאַט עגמת נפש. וואָרום ער האָט זיך דערמאַנט אָן בעש"ט'ס ווערטער, ווען עס איז שוין געקומען נאָהנט צו דער חתונה האָט ער אָנגעהויבען שטאַרק ווענען דעם זאָרגען ער האָט געוואוסט אַז עס וועט פֿון דעם זײַן גרויסע מחלוקות ווען עס איז געקומען נאָר נאָהנט צו דער חתונה איז ער געפֿאָהרען צום בעש"ט איהם בעטען אויף דער חתונה. דער בעש"ט איז מיט איהם מיט געפֿאָהרען. מען קאָן אַלײן פֿערשטעהען, אַז זײַן שמחה איז געווען אויסגעמישט אויך מיט אַביסעל עגמת נפש, און האָט זיך נישט געקאָנט קײן עצה געבען. נור פֿונדעסטוועגען האָט ער זיך געמאַכט, ווי ער ווייסט פֿון קײן שום זאַך נישט. ווען דער מחותן דעם חתן'ס פֿאָטער איז געקומען אויף דער חתונה צוזאַמען מיט דעם בעש"ט איז דער מחותן פֿון דער כלה'ס צד זיי אַקעגען געפֿאָהרען און האָט זיי אָבגעגעבען אײן אכסניא לויט זייער כבוד.

דער בעש"ט ז"ל איז געווענטליך געזעסען אויבען אָן בײַם חתן.

דער אַלטער דעם מחותנ'ס פֿאָטער האָט געגעבען שלום צו אַלעמען נאָר דעם בעש"ט הקדוש האָט ער נישט געגעבען קײן שלום ווײַל ער איז געווען אַגרויסער מתנגד אויף איהם און די גאַנצע צײַט וואָס ער איז דאָרט געזעסען האָט ער גאָרנישט געקוקט אויפ'ן בעש"ט ז"ל און מיט איהם נאָר נישט גערעדט דעם חתן'ס פֿאָטער האָט דאָס זעהר פֿערדראָסען, נור ער האָט גאָרנישט גערעדט דערפֿון ער האָט געטראַכט אין האַרץ וואָס עפּיס צוטהון דערצו ער האָט אַזוי לאַנג געקלערט ביז ער איז געפֿאַלען אויף איין גוטע עצה ער האָט געזעהען ווי צווישען אַלע משמשים צייכענט זיך אוים איין משמש. וואָס ער איז זעהר פֿלינק און געשיקט מעהר ווי אַלע משמשים. האָט ער דעם איינענעם משמש אַרײַנגערופֿען אין אַ בעזונדער חדר און האָט צו איהם אַזוי געזאָגט: הער מיך גוט אוים לויט מײַן מבינות ביסט דו זעהר אַ קלוגע מענש און דערום ווערסט דו קריגען פֿון מיר זעקס נאָלדענע רענדלעך אויב דו ווערסט מיר טוהן די קלײנינקײט וואָס איך בעט פֿון דיר דהיינו, ווען דער חתן וועט שוין זײַן גרייט צו דער חופּה און די כלי־זמרים וועלען שוין זײַן גרייט צו שפּיעלען זאָלסט דו קײנעם נישט פֿרעגען, ווען וועט מען מכבד זײַן מיט מסדר קידושין נור זאָלסט תיכף אָבגיסען אַ כוס ווײַן און זאָלסט אויסרופֿען מיט אַ הויך קול! דעם בעש"ט הקדוש איז מען

מכבד

מכבד מיט סידור קידושין און די זאָלסט באַלד דערלאַנגען דעם כוס ווײַן אין בעש״ט׳ס האַנד אַרײַן. און טאָמער וועט זיך דער כלה׳ס פֿאָטער אויף דיר אָנבײַזערן און דיך פּאַטשען זאָלסטו אַלעם פֿערליעב נעמען און שווײַגען פֿאַר דעם קריגסט דו זעקס גאָלדענע רענדלעך. דער משמש איז דערויף בעשטאַנען און צוגעזאָגט דאָס אַלעם צוטהון.

כן הוה עס איז טאַקע אַזוי געוועזן ווען די מחותנים מיט דעם חתן זענען שוין געוועזן גרײַט צו דער חופּה האָט דער משמש תיכף אויסגערופֿען. מיט מסדר קידושין איז מען מכבד דעם הרב הקדוש בעש״ט און האָט באַלד דערלאַנגט דעם כוס ווײַן אין בעש״ט׳ס האַנד דער בעש״ט האָט מסדר קידושין געוועזן. דער מחותן די כלה׳ס פֿאָטער און דעם מחותן׳ס פֿאָטער זענען פֿון דער זאַך דערשראָקען און ברוגז געוואָרען. ווען אַלע מענשען זענען שוין צוריק געגאַנגען פֿון דער חופּה, איז זיך דעם מחותן׳ס פֿאָטער געגאַנגען אין זײַן חדר און נישט געוואָלט געהען צום מאָהל צײַט אויך דער מחותן דער כלה׳ס פֿאָטער איז געוועזן אין כעס אויף דער מעשה ביז אַלע קרובים און געסט האָבען מיט איהם פֿיעל גערעדט ווײַכע רייד און איהם איבערגעבעטען ביז ער האָט זיך איבערגעבעטען און געגאַנגען צום טיש. נור דער אַלטער דעם מחותן׳ס פֿאָטער האָט בשום אופן נישט געוואָלט געהען צום טיש און קיין שום איבערבעטען האָט נישט געהאָלפֿען מחמת חוץ דעם ביזוש האָט ער מיט׳ן בעש״ט ז״ל נישט געוואָלט זיצען בײַ איין טיש. צו מאָרגענס ווען דער בעש״ט ז״ל האָט שוין געזאָלט אַהיים פֿאָהרען האָט ער געזאָגט צו חתן׳ס פֿאָטער עס וואָלט רעכט געוועזן צו געהען צום מחותן׳ס פֿאָטער זיך מיט איהם געזעגענען אַלע האָבען זיך פֿון די ווערטער געוואונדערט דער בעש״ט איז אַרײַנגעגאַנגען צום אַלטען אין חדר און מיט איהם איז מיט געגאַנגען אויך דעם חתן׳ס פֿאָטער און נאָך עטליכע מענשען ווי דער אַלטער האָט דערזעהען דורכ׳ן פֿענסטער אַז דער בעש״ט נעהט צו איהם אין חדר, האָט ער זיך אויפֿגעהויבען פֿון זײַן אָרט און איז צו געגאַנגען צום פֿענסטער דערמיט זײַן פּנים זאָל זיך נישט בעגעגענען מיט׳ן פּנים פֿון בעש״ט ווען דער בעש״ט ז״ל איז שוין צו איהם אַרײַנגעקומען איז ער נאָך אַלץ געשטאַנען בײַם פֿענסטער און נישט זיך אויסגעדרעהט.

אין דעם אייגענעם חדר איז נישט מעהר געוועזן נור איין טיש מיט איין שטוהל. דער בעש״ט ז״ל האָט זיך אַ נידער געזעצט אויף דער שטוהל און דער אַלטער איז נאָך אַלץ געשטאַנען בײַם פֿענסטער און האָט גאָר נישט גערעדט האָט דער בעש״ט אָנגעהויבען צו זאָגען דעם אַלטען אַקשיא אויף אַ רמב״ם און האָט געזאָגט דעם אַלטען ער זאָל איהם דערויף זאָגען אַ תירוץ דער אַלטער מחמת כבוד התורה האָט זיך אויסגעדרעהט צום בעש״ט און האָט איהם אָנגעהויבען זאָגען אַ תירוץ. האָט דער בעש״ט צו איהם געזאָגט נישט דאָס מײַן איך האָט דער אַלטער פֿערשטאַנען אַז

ער

ער דאַרף זיך נאָך מעהר אַרײַנ=
טיעפֿען אין דער זאַך האָט ער
געזאָגט נאָך אַבעסערען תירוץ מיט
מעהר טיעפֿקײט האָט דער בעש"ט
ז"ל ווײַטער איהם געזאָגט: נישט
דאָס מײן איך האָט דער אַלטער
געזאָגט נאָך אַדריטען תירוץ מיט
זעהר גרויסע חריפֿות און פּלפּול,
ווען ער האָט שוין געהאַט גע=
ענדיגט דעם תירוץ איז פּלוצלינג
אַרײַנגעקומען אַקאָזאַק אָנגעטהון
אין כלי=זיין און האָט זיך גע=
שטעלט בײַ דעם בעש"ט ז"ל.
דער בעש"ט האָט געזאָגט דעם
קאָזאַק ער זאָל קײנעם דאָ קײן
שלעכטס נישט טהון בײַ דעם קאָזאַק
האָט אויף דער פּלײצע געהאָנגען
אַטאַש, האָט דער בעש"ט גענומען
די טאַש און זי אויפגעעפֿענט און
אין דער טאַש איז געלעגען דרײַ
קאָנווערטען, האָט דער בעש"ט
ז"ל געעפֿענט די קאָנווערטען און
געוויזען דעם אַלטען אַז די אַלע
דרײַ תירוצים וואָס ער האָט גע=
זאָגט שטעהען אין די קאָנווערטען
אויפֿגעשריבען יעדער תירוץ אין
אַ בעזונדערען קאָנווערט און האָט
געזאָגט צום אַלטען זעהט אין וועמענס
רשות אײער תורה געפֿונט זיך,
און דער בעש"ט ז"ל איז באַלד
אַהײם געפֿאָהרען. דער אַלטער איז
דערפֿון זעהר נתפּעל געוואָרען,
פֿערשידענע רעיונות איז איהם
אין קאָפּ אַרײַנגעקומען, אַז דער
בעש"ט מוז זײַן אַ קדוש עליון אָדער
חס ושלום פֿון דער סטרא אחרא
ר"ל. ער האָט זעהר געטרויערט,
וואָס ער האָט ביז אַהער פֿער=
ברענגט אין פּוסטע זאַכען און
נאַרישקײטען חס ושלום. און עס

איז געבליעבען בײַ איהם תיכף
נאָך צופֿאָהרען דעם בעש"ט ז"ל
און נאָכצופֿאָרשען איהם. ער האָט
אַזוי געטהון. ער איז נאָך גע=
פֿאָהרען דעם בעש"ט ביז מעזיבוז.
ביז ער איז געקומען נאָהנט צו
מעזיבוז, און אין דעם גאַנצען
וועג ביז מעזיבוז וואָס ער איז
געפֿאָהרען צוזאַמען מיט דעם בעש"ט
האָט ער זיך גוט צוגעקוקט צום
בעש"ט'ס פֿיהרונג און עס האָט
איהם נישט געפֿאַלען זײַן דרך,
ווען ער איז געקומען קײן מעזיבוז
איז פֿאַר דעם בעש"ט ז"ל געקומען
אַ ווײַבעל פֿון דעם נאָהנטען דאָרף
און האָט אָנגעהויבען ווײנען פֿאַר
איהם, אַז איהר טאָכטער איז גע=
פֿעהרליך קראַנק און איהם גע=
בעטען ער זאָל מיט איהר מיט
פֿאָהרען, און מתפּלל זײַן פֿאַר
איהר טאָכטער. דער בעש"ט ז"ל
איז מיט איהר מיט געפֿאָהרען און
דער אַלטער איז אויך מיט גע=
פֿאָהרען דאָרט האָט זיך דער
בעש"ט ז"ל געהײסען געבען אַ בע=
זונדער צימער און דאָרט געדאַוונט
שחרית. נאָכ'ן דאַוונען האָט ער
געשיקט זײַן משמש מען זאָל איהם
צו גרײטען עפּיס עסין און אויך
צו ברענגען משקה די קראַנקע
האָט פּונקט דעמאָלט גע'נוסס'ט און
געשטאָרבען אין דער שטוב איז
געוואָרען אַגעשרײַ און אַגעקלאָגערײַ
אָבער דער בעש"ט ז"ל איז זיך
ווײַטער געזעסען בײַם טיש ווי
פֿריהער. פּונקט ווי דאָס וואָלט
איהם גאָרנישט נעאַרט און האָט
ווײַטער געגעסען און געטרונקען,
און דער בעל=הבית האָט געמוזט
אַ"עם ברענגען וואָס דער בעש"ט
האט

האָט איהם געהייסען. דער אַלטער האָט דאָס נישט געקאָנט סובל זיין אַז ער האָט געזעהען ווי דער בעש"ט זיצט זיך ביים טיש און עסט דאָס בעסטע און טרינקט נאָך משקה און פֿיהרט נאָר נישט דעם צער און שטערין פֿון בעל־הבית און ער איז אַזוי בייז געוואָרען אויף דעם בעש"ט ז"ל ביז ער האָט זיך שטילערהייד אָנגעגרייט אַ שאַרף מעסער צו דער שטעכען דעם בעש"ט. ווען דער בעש"ט האָט שוין געהאַט אָבגעגעסען האָט ער געזאָגט צו זיין משמש ער זאָל טיט איהם מיט נעהן אין חדר פֿון דער געשטאָרבענע אויך דער אַלטער איז מיט נעגאַנגען, ווי זיי זענען געקומען אין דעם צימער אַריין האָבען זיי געטראָפֿען ווי די געשטאָרבענע ליגט אויף דער ערד. האָט דער בעש"ט ז"ל געהייסען זיין משמש קלאַפּען אויף דער טויטע עטליכע קלעפּ און דער בעש"ט ז"ל איז אין דער איינער צייט געשטאַנען אָנגעלעהנט אויף זיין שטעקען דער משמש האָט נעקלאַפּט אויף דער טויטע עטליכע קלעפּ. און ווען ער האָט אויפֿגעהערט צו קלאַפּען האָט מען געזעהען אַשינוי אין דער טויטעס פּנים, ווי זי האָט געקריגען אַרויטע פֿאַרב און אָנגעהויבען ריהרען מיט די אברים, האָט דער בעש"ט געהייסען מען זאָל זי אויפֿהויבען פֿון דער ערד און זי אַרויפֿלייגען אויפ'ן בעט און איהר עפּיס געבען אין מויל אַריין. זי זאָל האָבען מיט וואָס זיך צו דערקוויקען. מען האָט אַזוי געטהון. און מען האָט בעשיינפערליך געזעהען תחית המתים. אַז דער אַלטער האָט דאָס דערזעהען איז ער זעהר דערשראָקען געוואָרען און דאָס מעסער איז איהם פֿון דער שויס אַרויסגעפֿאַלען, דעמאָלט האָט זיך דער בעש"ט אום גיקעהרט צום אַלטען און אַזוי געזאָגט: ווען ישראל זאָל געוועהן האָבען אַ טעות אין די יחודים און זי זאָל נישט געוועזן לעבעדיג ווערין קומט דען ישראל'ן צו שטעכין? דער אַלטער האָט געוויינט און געבעטען מחילה ביים בעש"ט ז"ל און איז געוואָרען דעם בעש"ט'ס חסיד. זייער זכות זאָל אונז בײשטעהן און אַלע יודען. אמן.

## ב.

דאָ ווערט דערצעהלט די ביאָגראַפיע פֿון ר' מענדעלי וויטעבסקער, דער רבי פֿון הרה"ק הרש"ז זצ"ל דער בעל התניא און ווי אַזוי ער האָט זיך בעקאָנט מיט'ן בעש"ט ז"ל.

איינמאָל האָט מען געזעהען ווי דער בעש"ט ז"ל האָט נאָך דעם מנחה־דאַווגען אָנגעהויבען צו לאַכען, און די מענשען וואָס האָבען דאָס דערזעהען האָבען איהם געפֿרעגט די סיבה פֿון זיין לאַכען האָט

האָט ער זיי דערצעהלט, אַז ער האָט יעצט געפּועל'ט מיט זיין תפלה אַראָבצוּבּרענגען אויף דער וועלט אַ הייליגע נשמה. און די מעשה דערפון איז אַזוי די מוטער פון הרה"ק ר' מענדעלי איז געווען אַ קרעמערין און אין די נאַכט פון איהר טבילה האָט דער בעל דבר עקסטרע אַהין געפיהרט פיעל קונים אין איהר געוועלב אַריין און זי האָט גענומען גוטע פרייזען פאַר די סחורה וואָס זיי האָבען געקויפט און אַזוי איז זי געווען פערנומען אַגאַנצען טאָג. פאַרנאַכט ווי דער בעל דבר האָט איהר וויטער צוגעשיקט אַ קונה אַ גלח, וואָס האָט ביי איהר געוואָלט אָבקויפען זעהר פיעל סחורה און איהר געבען אַגרויסען פערדינסט דער גלח האָט זיך דאָרט אין געוועלב לאַנג אויפגעהאַלטען אַז זי האָט געזעהען אַז די זון געהט שוין אונטער איז זי געוואָרען צורעצט און נישט געוואוסט וואָס צו טהון, צו אָבצוזאָגען אַזאַ גוטען קונה און געהען צו דער טבילה אָדער נישט, און ווען איך האָב דאָס אַלעס געזעהען האָב איך פועל געווען מיט מיין תפלה אַז זי זאָל זיך שטאַרקען איבער דעם יצר הרע און האָט אָבגעזאָגט דעם גלח און איהם נאָרנישט געוואָלט פערקויפען און פערמאַכט דאָס געוועלב און איז געגאַנגען צו דער טבילה. און דאָס פערדיענסט פון גלח וואָס האָט בעטראָפען אַ גרויסע סומע געלד האָט זי אין גאַנצען מפקיר געווען און דעריבער האָב איך געראַכט ווייל איך האָב גורם געווען אַזאַ טייערע און הייליגע נשמה אַראָבצוּבּרענגען אויף דער וועלט מחמת אין דער איינער נאַכט איז זי מעוּבּרת געוואָרין מיט דעם רבּין רבּי מענדעלע.

און ניין חדשים אַרום נאָך דער מעשה האָט דער בעש"ט ז"ל באַלד נאָך מעריב וויטער אָנגעהויבען צו לאַכען מיט אַגרויס געלעכטער און קיינער האָט נישט געוואוסט די סבּה פון זיין געלעכטער, און זיי האָבען איהם געפרעגט ער זאָל זיי זאָגען די סבּה פון זיין געלעכטער. האָט ער צו זיי געזאָגט איהר גידענקט דאָך געוויס אַז פאַר ניין חדשים צוריק האָב איך געלאַכט נאָך מנחה און דעמאָלט האָב איך פועל געווען מיט מיין תפלה, אַראָבצוּבּרענגען אַזאַ טייערע נשמה אויף דער וועלט און יעצט ווען עס איז שוין געוואָרען ניין חדשים, איז זי שווער געגאַנגען צום קינד און דער בעל דבר האָט געוואָלט זיי ביידע אומבּרענגען די מוטער און דאָס קינד און איך האָב פועל געווען מיט מיין תפלה אַז דאָס קינד זאָל בשלום געבוירען ווערען אָהן שום אויסטערליש און דעריבער האָב איך געלאַכט, ווייל איך האָב דערפון שטאַרק הנאה געהאַט.

און אַ לאַנגע צייט אַרום ווען דער רבּי ר' מענדעלע איז געקומען צום בעש"ט ז"ל האָט איהם דער בעש"ט אויפגענומען מיט גרויס ליבשאַפט און האָט צו איהם אַזוי געזאָגט! אַסאַך קונלען האָב איך מפקיר געווען פון דיינעטוועגען האָט ער געפרעגט דעם בעש"ט ז"ל דעם פירוש פון די